בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

אֱמוֹר

תש"פ

היכל הקודש

## צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
**Heichal Hakodesh Kiryas Breslev**
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
**Heichal Hakodesh Williamsburg**
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
**Heichal Hakodesh Kiryas Joel**
8 Premishlan Way
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
**Heichal Hakodesh Boro Park**
1011 41st Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
**Heichal Hakodesh Monsey**
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.**BreslevCenter**.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


קֶען מֶען פָּשׁוּט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה?........................... א

וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער מַיינֶע שְׁוֶועֶרע נִסְיוֹנוֹת?........ ד

דַארְף מֶען אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ?.......................... ו

וִוי אַזוֹי הִיט מֶען דִי קִינְדֶער פוּן קַשְׁיוּת אוֹיף אֱמוּנָה פוּן אַ קָרוֹב?................................................................ ז

מוּז אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין חֲסִידוּת, כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?...... ט

וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִינְגֶערְמַאן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת?........................................................... יא

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?.............................................................. יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


וָואס אַ וַוייבּ קֶען מַאכְן מִיט'ן מַאן, קֶען קֵיינֶער נִישְׁט מַאכְן ..... א

הַפָּצָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע פַּרְנָסָה.............................................. א

נָאכְאַמָאל דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"........................... ב

עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים ....................ג

מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן............................................ג

קוּנְטְרֵס "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער" אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין ד

אָנְגְרֵייטְן דֶעם מֵיידְל קֶעמְפּ.............................................. ד

אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְס גֶעפִילְן ...................................... ה

נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר ................ו

מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת חֶסֶד ........................................ ז

לֶערְן מִיט דִי פְּרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט ........................................ ח

נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי שְׁכֵנִים ........................................ ח

שְׁטַארְק זִיךְ, דֶערְהַאלְט זִיךְ ........................................ ט

לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער ........................................ י

קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן לֶעבְּן אָדֶער צוּנֶעמֶען לֶעבְּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ........................................ יב

אוֹיבּ וִויל מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק ........................................ יג

יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף לַאכְן אָן אוֹיפְהֶער ........................................ יד

חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דָאס קִינְד ........................................ טו

מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְּרֵיילִיךְ שַׁבָּת ........................................ טז

עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין וֶועג גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן ........................................ טז

מַגִּיַה זַיין דֶעם קוּנְטְרֵס ״לוּיטֶערֶע אוֹיגְן״ ........................................ יט

קוּק זִיךְ אוּם אוֹיף דַיין נְשָׁמָה ........................................ יט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

### קֶען מֶען פָּשׁוּט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק און שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר אַלֶעמָאל מְחַזֵק, סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֵייט דוּרְךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט צְוֵויי אִידְן זִיךְ טַעְנָה'ן אִיבֶּער'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס מֵיינְט פָּשׁוּט צוּ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, און דֶער צְווֵייטֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען דַארְף יָא פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, נָאר אוֹיבּ קוּמְט מֶען אָן צוּ אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטִיקְל וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאל מֶען נִשְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין דָארְט, נָאר זִיךְ רוּקְן וַוייטֶער.

ווֵיל אִיךְ ווִיסְן וָואס דֶער אֱמֶת אִיז וֶועגְן דֶעם, און אוֹיךְ צִי דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז טַאקֶע גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אָדֶער נָאר פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אוֹפָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ז' אִיָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ טַעְנָה'ן מִיט אַנְדֶערֶע? וָואס דַארְף דִיר אָנְגֵיין וָואס

אַנְדֶערֶע זָאגְן? אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ טוּט וָואס אִיז גוּט פַּאר אִים, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט; פְּרֶעג אִיךְ דִיר, פַּארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע? נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר דַארְפְן אִיבֶּער לָאזְן דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס וָוארְהֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד'; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְנַכֵּחַ?" דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם", פְּרוּבִּירְט אַלֵיינְס אוֹיס דֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד וֶועט אִיר זֶען וִוי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, "הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טְעָמִים בְּחַיֵּיכֶם", גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְוֹתָיו יִתְבָּרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרֵךְ", ווארויל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָּר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אִיז דָאס זֵייעֶר טַייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶּער וִוייבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר וִויסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר

פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין", אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): "בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד", פוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה לֶערְנְט עֶר שְׁטֶענְדִיג, אֲפִילוּ מִיט גְרַייזְן.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אָן תּוֹרָה אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת; דָאס לֶעבְן גֵייט פַארְבֵּיי אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דִבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו): "כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מִדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט וִוי לַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בוֹים, אָבֶער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטְאַמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן נָאר עֶס פְלִיט אַדוּרְךְ אַזוֹי וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן וֶוערְן נִישְׁט מְקוֹרָב, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - (וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶער עֶס וֶועט שׁוֹין

**זַיין צוּ שְׁפֶּעט.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

**ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער מַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' דֶערְמִיט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט אֵיינְמָאל מִשְׁנָיוֹת, אוּן אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן שַׁ"ס, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אוּן יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע פְּלַאקֶערְט אִין מִיר אוֹיף אַ גֶעוואלְדִיגְן פַארְנֶעם, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף אִים. אִיךְ ווייס נִישְׁט פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט אַזוֹי שְׁטַארְק פּוּנְקְט אוֹיף מִיר, מִיר מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים, אוּן דִי צְווייטֶע מָאל אִיז עֶר זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף מִיר, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת? אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ מֵפִיץ דֶעם גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין מַיין גֶעגְנְט, אִיךְ דְרוּק עֶס בַּיי אַ גוֹי'אִישְׁן דְרוּקֶער, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַהִינְגֵיין ווייל דָארְט אִיז דָא אָפֶּענֶע אִינְטֶערְנֶעט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס דָארְט, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ז' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי חָשׁוּב דוּ בִּיסְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם ווָאס דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר אַנְדֶערֶע, מִיט דֶעם נֶעמְסְטוּ אַרָאפּ פוּן דִיר אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיאוּף,

סִימָן מא) : "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וְוער עֶס וויל מְתַקֵּן זַיין וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, דֶער זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - ווי צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה.

הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס ווילְן דִיר אָפְּרֶעדְן פוּן הֲפָצָה, דִי זֶעלְבֶּע רֶעדְן אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן; מִיט דִי זֶעלְבֶּע טַעְנָה, אַז אִין אוּמַאן אִיז דָא אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ׳, כְּאִילוּ בִּיז אוּמַאן אִיז נִישְׁט דָא קַיין אִינְטֶערְנֶעט אוּן קַיין עֲבֵירוֹת. אַדְרַבָּה, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ׳ן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דַיין גֶעגְנְט אוּן שְׁטַארְק זִיךְ נָאךְ מֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין נָאךְ גֶעגֶנְטֶער אוּן אִין נָאךְ שְׁטֶעט, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶע זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה, קכח) : "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף מֶען אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חָשׁוּבּ'עֶ שִׁיעוּרִים אוּן עֵצוֹת, בִּפְרַט אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת, וָואס הֶעלְפְט מִיר גָאר אַסַאךְ.

אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַן עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע וַוייבּ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אֶפְּן מִיט אִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מִיר שְׁמוּעֶסְן אַלֶעס דוּרְךְ צוּזַאמֶען, אוּן מִיר לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם בְּשָׁלוֹם. דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא גֶעוִויסֶע זַאכְן אִין מַיין בִּיזְנֶעס וָואס אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶס זָאל אָנְקוּמֶען צוּ פְרֶעמְדֶע אוֹיעֶרְן, אוּן ווִיפִיל אִיךְ זָאל נָאר בֶּעטְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל דָאס נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן פַאר קֵיינֶעם, וֶועט זִיךְ עֶס אָבֶּער אַרוֹיסְגְלִיטְשְׁן פוּן אִיר, זִי טוּט עֶס נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטִיקֵייט חָלִילָה, נָאר פָּשׁוּט עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן אִיר אוּמְווִילְנְדִיג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ הָאבּ אִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען, אִיךְ ווִיל נָאר ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. אִיר נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֵיינְמָאל אִיר גֶעזָאגְט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם אֱמֶת, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי זִיךְ זֵייעֶר בַּאלֵיידִיגְט פוּן דֶעם.

בִּיטֶע גֶעבְּט מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין דֶעם מַצָּב.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ח' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַנְשְׁטָאט דִי שְׁכִינָה - קוּמֶען דִי נִישְׁט גוּטֶע, דֶער שָׂטָן קוּמְט אִין שְׁטוּבּ ה' יִשְׁמְרֵינוּ. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; דִי שְׁכִינָה רוּט נָאר דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת

י.).

דַארְפְסְט נִישְׁט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אִין שְׁטוּב; ווִילַאנְג דוּ בְּרֶענְגְסְט פַּרְנָסָה וֶועט דַיין וַוייבּ זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דַיין וַוייבּ וֶועט נִישְׁט זַיין בֵּייז אוֹיף דִיר אַז זִי וֶועט נִישְׁט ווִיסְן אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי הִיט מֶען דִי קִינְדֶער פוּן קַשְׁיוֹת אוֹיף אֱמוּנָה פוּן אַ קָרוֹב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, עֶס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן אִין אַלֶע תְּחוּמִים, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוּמְגֵיין מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוָואגֶער וָואס אִיז נִישְׁט קֵיין שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹת, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְקְלֶערְט אַלְס אַן אַפִּיקוֹרֶס. עֶר קוּמְט אַסַאךְ צוּ מַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט, בִּפְרַט וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת.

יֶעצְט גֵייט אוֹיסְקוּמֶען אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה וואו מִיר גֵייעֶן זַיין דָארְט צוּזַאמֶען, ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי מֶען קֶען אִים מְצָרֵף זַיין צוּ מִנְיָן, צוּם דַאוֶונֶען אָדֶער בֶּענְטְשְׁן, אוּן בִּכְלַל ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא פַאל.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, דָאס אִיז וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן.

מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְגֵיין קִינְדֶער פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דַיין קִינְד'ס חֲבֵרִים רֶעדְן? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס עֶר הֶערְט אִין גַאס? וָואס וֵוייסְטוּ

מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ? לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעפַּאלֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען פַארְדְרֵייעֶן קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ מִיט כְּלוֹמַר'ישֶׁע קַשְׁיוֹת, וָואס נָאר מִיט אַ קְלֵיינֶע קָאפּ אִיז דָאס אַ קַשְׁיָא. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לב) מֶען פְרֶעגְט פוּן אַ קִינְד אַ שְׁאֵלָה, אַז בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּב הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשָׁאסְן אַ פֶענְסְטֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פֶענְסְטֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן צִימֶער אוּן גֶעלֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער, פְרֶעגְט מֶען דָאס קִינְד: "פַארְוָואס הָאט מֶען אַרוֹיס גֶענוּמֶען דִי פֶענְסְטֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן צִימֶער אוּן גֶעלֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער, אַמֶער, דִי פֵייגְל קֶען דָאךְ יֶעצְט אַרוֹיס פְלִיעֶן פוּן יֶענֶעם צִימֶער, וָואס הָאט מֶען אוֹיפְגֶעטוּן?!" וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים דִי קַשְׁיָא לֵייגְט מֶען אַרַיין דֶעם תֵּירוּץ אִין דִי קַשְׁיָא, בְּלַייבְּט דָאס קִינְד צֶעמִישְׁט מִיט דִי קַשְׁיָא; אֵיי דִי קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פֵייגְלֶעךְ, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם פֶענְסְטֶער עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַאלְט וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער דֶער קְלֵיינֶער מֹחַ בְּלַייבְּט פַארְטוּמְלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

אַז מֶען וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אִיז דָא אֵיין עֵצָה: "רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה"; וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט, מַמָּשׁ מֶען זֶעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): אוֹיף דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (מִשְׁפָּטִים צֵהַ.): "עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְּלֵית לָהּ עֵינִין, גּוּפָא טְמִירְתָּא וְאִתְגַּלְיָא, נָפְקַת בְּצַפְרָא וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא, מִתְקַשְּׁטַת בְּקִשּׁוּטִין דְּלָא הֲווֹ"; זָאגְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי: עוּלֵימְתָּא שַׁפִּירְתָּא - דָאס אִיז אֱמוּנָה, אָבֶּער דְּלֵית לָהּ עֵינִין - עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אוֹיגְן, דָאס הֵייסְט מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גּוּפָא טְמִירְתָּא - זִי אִיז בַּאהַאלְטְן, וֶוען דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אֵיינֶער וָואס הָאט אֱמוּנָה עֶר זָאל דִיר מַסְבִּיר זַיין אַ טַעַם אוּן אַ סְבָרָה אִין דִי אֱמוּנָה, וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, וַוייל אַז מֶען פְרֶעגְט אַ מַאֲמִין בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זַיי מַסְבִּיר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, קֶען עֶר דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער וְאִתְגַּלְיָא - בַּיי אִים אִיז עֶס אַזוֹי קְלָאר, אַזוֹי וִוי עֶר זֶעט דָאס מִיט דִי אוֹיגְן. נָפְקַת בְּצַפְרָא - יֶעדְן צוּפְרִי וֶוערְט צוּרִיק בַּאנֵייט דִי אֱמוּנָה, וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא - אוּן דוּרְכְ'ן טָאג וֶוערְט עֶס פַארְדֶעקְט, וַוייל מֶען וֶוערְט אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי אַרְבֶּעט אוּן מֶען לוֹיפְט נָאךְ גֶעלְט, צוּבִּיסְלֶעךְ פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ אִים מְצָרֵף זַיין צוּ מִנְיָן וְכוּ׳; עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דִי אַלֶע נִישְׁט קַיין אַפִּיקוֹרְסִים, זֵיי זֶענֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע דִיפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן און זֵיי דַארְפְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, דֶערִיבֶּער זָאגְן זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גְלוֹיבִּיגֶע, מֵיינֶענְדִיג אַז אַזוֹי וֶועלְן זֵיי בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (אַטֶענְשָׁאן), אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ גְלֵייבְּן זֵיי אוֹיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט און עֶר טוּט אַלֶעס.

וואוֹיל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס לֵייגְן אַרַיין אַסַאךְ אֱמוּנָה מִיט שִׂמְחָה אִין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זֶען אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מוּז אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין חֲסִידוּת, כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק דְרָשׁוֹת און דִי בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אִין אַ גֶעוִויסֶע חֲסִידוּת, ווִיל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ מוּז אָפְּלָאזְן מַיין קְהִלָּה און מַיין חֲסִידוּת, כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אֵיינֶעם אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיבֶּער דֶעם, און יֶענֶער הָאט מִיר אָנְגֶעוִויזְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶעס און נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, און יֶעדֶער אִיד דַארְף זִיךְ אַזוֹי פִירְן. מִיר זֶעט דָאס אָבֶּער אוֹיס אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, פַארְוָואס זָאל אִיךְ דַארְפְן אָפְּלָאזְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קְהִלָּה, בְּלוֹיז צוּ קֶענֶען נֶעמֶען אוֹיךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קְלָאר שְׁטֶעלְן, און אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דְרַיי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, שׁוֹין אִיבֶּער אַ הַאלְבּ יָאר וָואס אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט רוֹב שֻׁלְחָן עָרוּךְ און רוֹב מֶדְרָשׁ רַבָּה און גַאנְץ נַ"ךְ, און אִיךְ הָאף עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען נָאךְ לַאנְג בִּיז אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סִיּוּם אוֹיף בַּבְלִי און יְרוּשַׁלְמִי, אוֹיסֶער נָאךְ פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, און אוֹיסֶער

די נָאךְ פִילֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס בַּאגְלֵייטְן מִיר מַמָּשׁ אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אִיז אוּן צִי עֶר הָאט בִּכְלַל שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; לוֹיט וִוי דוּ לֵייגְסְט מִיר אַרָאפּ דַיין עֶנְטְפֶער וְכוּ', וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז.

דֶער רֶבִּי ווִיל נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר מְסוֹרָה, פוּן זֵייעֶר וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי לֶעבְּן; דֶער רֶבִּי ווִיל אֵיין זַאךְ, אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ אַזַא מַדְרֵגָה אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער מֶען אִיז אוּן פוּן וואוּ מֶען שְׁטַאמְט - זָאל מֶען אָפְּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט שִׂמְחָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין נָאוְורִיטְשׁ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רנ): "יֵשׁ לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב", אִיךְ בִּין בְּכֹחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא מִבַּעְיָא יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים", נִישְׁט נָאר דִי אִידְן קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֶלָּא כָּל הָאֻמּוֹת הָעוֹלָם כֻּלָּם אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהָיִיתִי יָכוֹל לְהוֹלִיכָם סָמוּךְ לְדַת יִשְׂרָאֵל", נָאר אֲפִילוּ דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם קֶען אִיךְ אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, בְּלַייב וַוייטֶער מְקוּשָׁר מִיט דַיין פְּלַאץ וואוּ דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דַיין חֲסִידוּת. נֶעם דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ פְּרִיוַואטֶע וֶועג; לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיט אִים אוּן בְּרֶענְג אַרַיין דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּב, דָאס הֵייסְט זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען

זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּב, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען אִיז ׳שָׁלוֹם׳ (שַׁבָּת י.). אוּן אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן אַנְדֶערֶע, דוּ זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין וֶועג. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה, תְּחִלַּת חֵלֶק שֵׁנִי): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ. צוּ וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס מַאכְן אַ מַחְלוֹקֶה וְכוּ׳? צוּ וָואס פֶעלְט אוֹיס זִיךְ צוּ גֵיין רֵייצְן מִיט אַנְדֶערֶע, דֶערְצֵיילְן אַלֶעמֶען: "אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר"? וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס אַז אַלֶע זָאלְן אָנְהֵייבְּן קְרִיגְן אוֹיף דִיר? מֶען וֶועט דִיר אוֹיסְשְׁלִיסְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִיר וִוי מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַ קְרַאנְקְן; דֶערְפַאר אִיז בֶּעסֶער פַאר דִיר צוּ זַיין מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי׳ן שְׁטִילֶערְהֵייט, לֶערְן אוּן דַאוֶונֶען אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִינְגֶערְמַאן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ מָאל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אַ בָּחוּר אִיז אַ רַחְמָנוּת, וַוייל עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אָבֶּער אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט דָאךְ שׁוֹין אַ וַוייבּ, פַארְוָואס זָאל עֶר גֵיין זוּכְן נַארִישְׁקֵייטְן אוּן שְׁמוּץ.

דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הֶערְן, וַוייל הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גוּטֶע וַוייבּ, אוּן מִיר הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁמוּץ, אִיךְ מוּז טְרַאכְטְן פוּן פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, פוּן מַיין וַוייבְּ׳ס שְׁוֶועסְטֶערְס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ אַסַאךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי מַחֲשָׁבָה.

אִיז דָא אוֹיךְ פַאר מִיר אַן עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

וֶוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי מַחֲשָׁבָה אוּן דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת אוּן מֶען פַאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית בְּלַייבְּט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם אֲפִילוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה ה׳ יִשְׁמְרֵינוּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין כט:): ״בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה ... כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה״, דֶער וָואס טְרַאכְט פוּן עֲבֵירוֹת וֶועט אִים זַיין שְׁוֶוער אֲפִילוּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אִיז נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט צוּבִּיסְלִיךְ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט דֶער מֹחַ בִּיז מֶען קְרִיכְט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן דֶעם.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ עֲבֵירוֹת, אַז אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט קֶענְסְטוּ נִישְׁט לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ אָן טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן וְכוּ׳, דַיין קָאפּ אִיז נִישְׁט מִיט אִיר, דוּ טְרַאכְסְט טָאג אוּן נַאכְט פוּן אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אוּן פוּן פְרֶעמְדֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דוּ ווִילְסְט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי עֶקְלְדִיגֶע מָאוִוי״ס וָואס דוּ הָאסְט צַאמְגֶעזֶען - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; זָאג אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלִיךְ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע מֹחַ, דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט דַיין וַוייבּ.

וֶוען דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, וַוייל פוּן קוּקְן אַזוֹיפִיל מָאוִוי״ס אוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט מֶען דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶעטְרִירְן, דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְ'תַּמְ'ט דֶעם קָאפּ, מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען. אוּן אֲפִילוּ אַ גוּטֶע קָאפּ וָואס פַארְשְׁטֵייט יָא לֶערְנֶען, פְלִיט אִים אַוֶועק זַיין קָאפּ אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען; דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע שְׁמוּץ.

נָאךְ אַן עֵצָה אִיז דָא, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי׳ן; דִי עֵצָה פוּן ״הִתְבּוֹדְדוּת״, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְקְרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְדְרֵייט, אִיךְ טְרַאכְט**

נָאר פוּן עֲבֵירוֹת; אִיךְ וִויל אַלֶץ צוּרִיק לוֹיפְן כְּכֶלֶב שָׁב אֶל קִיאוֹ - ווִי אַ הוּנְט וָואס גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין בְּרֶעכַאכְץ; זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין הִיטְן מַיין מַחֲשָׁבָה אוּן מַיינֶע אוֹיגְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֵיין, אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ וִויל הָאבְן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע, וֶוען וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק?"

אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי גְרוֹילִיגֶע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע מָאוְוי"ס, דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דִמְיוֹנ'עֶן פוּן אַנְדֶערֶע.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי עֵצוֹת - "תּוֹרָה וּתְפִלָּה" - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

...

## אִיךְ הָאבּ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן נַיינְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ נָאךְ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן, אוּן אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט רֶעדְן צוּ מַיין טַאטֶע וֶועגְן דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דַיין טַאטֶע? וָואס קֶען דִיר דַיין

טַאטֶע הֶעלְפְן? עֶר אִיז דָאךְ מֶער צֶעבְּרָאכְן פוּן דִיר, עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט עֶס זָאל שׁוֹין זַיין שְׂמְחוֹת אִין שְׁטוּבּ.

דַיין שִׁידוּךְ לִיגְט נִישְׁט אִין דַיין טַאטֶענְ'ס הֶענְט אוּן דִי שִׁידוּכִים פוּן דַיינֶע בְּרִידֶער הָאט אוֹיךְ נִישְׁט צוּ טוּן מִיט דַיין טַאטֶע אוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶס לִיגְט נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: "מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, וַוייל 'מֵה' יָצָא הַדָּבָר'"; אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ, כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּיבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שִׁידוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ הוֹיז אוּן אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַ שִׁידוּךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָּׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

דָא הָאסְטוּ אַ תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר בָּחוּרִים צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג; זָאג עֶס יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג בְּקָרוֹב:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶוען אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל

שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעס נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחְוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶעט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ

הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ׳ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּב זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֶם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וָואס אַ וַוייבּ קֶען מַאכְן מִיטְ'ן מַאן, קֶען קֵיינֶער נִישְׁט מַאכְן.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אַ גְרִיס פוּן דַיין טַייעֶרער מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר; עֶר לֶערְנְט אִין כּוֹלֵל זֵייעֶר פְלַייסִיג, עֶר פִירְט זִיךְ זֵייעֶר וואוֹיל, עֶר גֶעבְּט מִיר צוּ אַ שְׁטִיק לֶעבְּן.

בִּכְלַל גֶעבְּט מִיר דֶער כּוֹלֵל לֶעבְּן, זֶעעֶנְדִיג וִוי דִי אִינְגֶעלַייט לֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַתְמָדָה.

אִיךְ הָאףְ אַז דוּ שֶׁעצְט אִים אוּן דוּ וַוייזְט אִים אַז דוּ פְרֵייעְסְט זִיךְ אַז עֶר לֶערְנְט, ווַייל דִי חִיזּוּק פוּן דִי וַוייבּ אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע חִיזּוּק; וָואס אַ וַוייבּ קֶען מַאכְן מִיטְ'ן מַאן - קֶען קֵיינֶער נִישְׁט מַאכְן. זָאלְסְטוּ אִים מְכַבֵּד זַיין אוּן אִים זָאגְן וִוי שְׁטַארְק דוּ פְרֵייסְט זִיךְ אַז עֶר לֶערְנְט.

לֶעבּ אַ פָּשׁוּט'עֶ לֶעבְּן; גֵיי נִישְׁט נָאךְ דִי וָואס קוֹיפְן טַייעֶרֶע זַאכְן, דוּ גֵיי דַיין וֶועג אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן אִין בֵּית פֵיגָא.

עֶנְקֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**הַפָּצָה אִיז דִי בֶּעסְטֶע פַּרְנָסָה.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ד' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִינְגֶעלַייט פוּן גֵיין הַפָּצָה אוּן אִיךְ זָאג זֵיי וִויפִיל גֶעלְט מֶען

פאַרְדִינְט פוּן הֲפָצָה - נֶעמֶען זֵיי דָאס אָן הַאלְבּ-וֶועגְס, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט דֶערְצֵיילְן דַיין גֶעשִׁיכְטֶע, אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן דַיין פַּרְנָסָה יֶעצְט בַּיי קָארָאנֶע און דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּילְט, דוּ גֵייסְט הֲפָצָה בַּיי דִי הַייזֶער און וִוי שֵׁיין דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ, דוּ פַארְדִינְסְט מֶער גֶעלְט אִין הַאלְבּ דִי צַייט - וֶועלְן זֵיי דָאס אָנְנֶעמֶען.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס אַרְבֶּעטְן פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט און קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מְפַרְנֵס זַיין בִּשְׁעַת דֶער וָואס גֵייט הֲפָצָה מַאכְט אִין הַאלְבּ דִי צַייט מֶער גֶעלְט און מֶען אִיז נִישְׁט קַיין קְנֶעכְט פַאר קֵיינֶעם. מֶען אִיז אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים און אַ מַצִּיל נְפָשׁוֹת מִיִּשְׂרָאֵל, מֶען אִיז עוֹסֵק אִין תִּיקּוּן הָעוֹלָם.

זֶעט אוֹיס אַז צוּ זַיין אַ תָּם אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער תָּם הָאט גֶעזָאגְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט׳ - מֵחָכָם וְתָּם): "אִיךְ זֶע אַז צוּ קוּמֶען צוּ מַיין תְּמִימוּת אִיז שְׁוֶוערֶער וִוי צוּ זַיין אַ חָכָם".

...

## נָאכְאַמָאל דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל".

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, יֶעצְט וֶוען דִי וֶועלְט דַארְף רַחֲמִים רַבִּים, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף יְשׁוּעוֹת, רְפוּאוֹת און פַּרְנָסָה; אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט נָאכְאַמָאל צוּ דְרוּקְן דֶעם "סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל".

מוֹהַרַא״ש הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט׳ן דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר וֶועט זֶען נִסִּים גְּלוּיִים.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מֶער פוּן דַיינֶע כֹּחוֹת מִיר צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי אִידִישֶׁע אֲשֶׁר בַּנַּחַל לִזְכוּת אַלֶע אִידְן וָואס דַארְפְן רְפוּאוֹת וְלִזְכוּת אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן שׁוֹין צוּרִיק גֵיין לֶערְנֶען, דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה׳ס זָאלְן מֶעגְן זַיין אָפְן און דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זָאלְן זִיךְ עֶפֶענֶען.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי בַּקָּשָׁה.

...

**עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ד׳ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וָואס דַארְף מֶען זָארְגְן בִּיז דֶעמָאלְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן עֶס וֶועט אַוֶועק גֵיין אַלֶע מַחְלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים, מֶען וֶועט קֶענֶען אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶעבְּן אַזוֹי וִוי אַמָאל.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען וָואס אִיר זָאגְט, בִּפְרַט אַז אִיר זֶענְט יוּנְגֶער פוּן אִיר; אַז אִיר ווִילְט אִיר הֶעלְפְן זִי זָאל זַיין רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן חַתוּנָה הָאבְּן - זָאלְט אִיר דַאוֶוענֶען פַאר אִיר.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל שׁוֹין בָּטֵל וֶוערְן אַלֶע גְזֵירוֹת, מָשִׁיחַ זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת.

זֶעטְס צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים.

...

**מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ שׁוֹין צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אִין אוּמַאן צוּצוּגְרֵייטְן דֶעם בִּנְיָן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשפ״א הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אוֹיךְ גְרֵייט מֶען זִיךְ שׁוֹין צוּ מַאכְן דִי פְּלֶענֶער פַאר דִי עֶסְן אוּן בֶּעטְן.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זַיין מִיט אוּנְזֶער חֲבוּרָה רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; מִיר וֶועלְן אוֹיךְ הַיי יָאר הָאבְּן דִי גֶעטְרֵייעֶ מְלַמְדִים. דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מְלַמְדִים וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי פָּאר טֶעג פַאר יוֹם טוֹב אוּן אוֹיךְ דוּרְכְאוֹיס יוֹם טוֹב.

הַחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ - אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט וָואס גֵייט זַיין, זָאלְסְטוּ זִיךְ

שׁוֹין אַיינְשְׁרַייבְּן מֶען זָאל דִיר אַוֶועקְלֵייגְן אַ בֶּעט מִיט עֶסְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אַלְט טָאר מֶען נִישְׁט זַיין! עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַן אַלְטֶער חָסִיד, אַן אַלְטֶער צַדִּיק, אַלְט אִיז נִישְׁט גוּט"; מֶען דַארְף זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנַייעֶן, נִישְׁט נָאכְגֵיין דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס ווִיל נָאר דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַלְט. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דֶערְפַאר רוּפְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע מִיטְ'ן נָאמֶען (קֹהֶלֶת ד, יג): "מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל", אַן אַלְטֶער נַארִישֶׁער קֶענִיג, ווייל דָאס אִיז זַיין אַרְבֶּעט, עֶר מַאכְט אוּנְז אַלְט; דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר גֵיין פַארְקֶערְט פוּן אִים אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן פִּסְקָא ו, הוּבָא בְּבֵית יוֹסֵף אוֹרַח חַיִּים, רֵישׁ סִימָן סא): "בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְּעֵינֶיךָ כַּחֲדָשִׁים", יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַ נַייעֶ זַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּנְטְרֵס "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער" אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶרְהַאלְטְן דֶעם נַייעֶם קוּנְטְרֵס "גֶעדוּלְד צוּ קִינְדֶער" וָואס אִיר הָאט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף עֶנְגְלִישׁ, עֶס אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחוֹת אוּן רְצוֹנוֹת ווייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אֱמוּנָה אוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

...

## אָנְגְרֵייטְן דֶעם מֵיידְל קֶעמְפּ.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

מִיר שְׁטֵייעֶן גֶעצֵיילְטֶע וָואכְן פַארְ'ן זוּמֶער הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; אִיךְ בֶּעט דִיר

זֵייעֶר זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן אָנְגְרֵייטְן דֶעם מֵיידְל קֶעמְפּ.

פַארְיָאר הָאבְּן מִיר גֶעהַאט הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען אוֹיף זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר. יֶעצְט הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, וויל אִיךְ דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר, אִים זָאגְן וָואס מֶען דַארְף אַלְץ טוּן אַז עֶס זָאל זַיין גְרֵייט צוּם בַּאנוּץ.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל הַיינְט אַרוֹיס פָּארְן עֶנְדִיגְן דִי אָפִּיסֶעס אוּן גְלַייךְ אָנְהוֹיבְּן עֶפֶּענֶען דִי מֵיידְל קֶעמְפּ; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיטְ׳ן עֵירוּב אוּן מִקְוֶה אִין שְׁטֶעטְל, עֶר זָאל זַיין פַארְנוּמֶען נָאר מִיטְ׳ן קֶעמְפּ. אַז דוּ דַארְפְסְט בָּחוּרִים צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם עֵירוּב וֶועל אִיךְ דִיר אַרוֹיסְשִׁיקְן אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט.

עֶס קֶען זַיין אַז מִיר וֶועלְן נוּצְן דִי מֵיידְל קֶעמְפּ פַאר דִי אִינְגֶלֶעךְ אוּן יוּנְגֶע בָּחוּרִים, אוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן זַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע קֶעמְפּ אִם יִרְצֶה ה׳.

אִיךְ זָאג נָאךְ גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל וַוארְטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, דַיין זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְס גֶעפִילְן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב.**

דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער בָּחוּר מִיט גוּטֶע מִידוֹת אָבֶּער אֵיין זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארֶעכְטְן, וַוייל בָּחוּרִים וֶוערְן זֵייעֶר בַּאלֵיידִיגְט אוּן אָנְגֶעוֵוייטָאגְט פוּן דִיר.

וֶוען דוּ דֶערְשְׁמֶעקְסְט אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ פוּן אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס גֶעפִילְן אוּן פַארְמַאכְן דַיין מוֹיל אַז יֶענֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְוֵוייטָאגְט, טְרַאכְסְטוּ נָאר פוּן דַיין כָּבוֹד; אַלֶע זָאלְן וִויסְן אַז דוּ הָאסְט גֶעוואוּסְט, אַז דוּ וֵוייסְט; דוּ אוּן נָאכְאַמָאל דוּ אוּן נָאכְאַמָאל דוּ.

קוֹדֶם כָּל זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר הוֹיבְּט זִיךְ דָאס בִּכְלַל נִישְׁט אָן, צְוֵוייטְנְס, וָואס טוּסְטוּ אַז דֶער שִׁידוּךְ גֵייט נִישְׁט וַוייטֶער? וֶוערְט דָאךְ דֶער בָּחוּר

פַארְשֶׁעמְט אוּן פַארְוֵוייטָאגְט. אוּן אֲפִילוּ דִי שִׁידוּךְ ווערְט וֶוערְט יָא, וָואס וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז אַלֶע וֶועלְן וִויסְן אַז דוּ הָאסְט גֶעוואוּסְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם? דָאס אִיז אַ קַטְנוּת.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען וָואס אִיךְ מוּסָר דִיר, אוּן נִישְׁט נָאר דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַרוּמְלוֹיפְן וִוי אַ צִיג דֶערְצֵיילְן וְכוּ׳, נָאר וֶוען דוּ וֶועסְט הֶערְן וִוי אַנְדֶערֶע אוּמְוואוּסְנְדֶע בָּחוּרִים רֶעדְן פוּן שִׁידוּכִים וֶועסְטוּ נִישְׁט אַנְטֵייל נֶעמֶען, נָאר זִיצְן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע מוֹיל נִישְׁט צוּ גוֹרֵם זַיין צַעַר.

גֵיי בֶּעט אִיבֶּער דֶעם בָּחוּר ... וָואס דוּ הָאסְט מְצַעַר גֶעוֶוען.

...

## נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען פַארְ׳ן מִיר הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען, ״קִרְיַת בְּרֶסְלֶב״.

דוּ הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן אַלֶע יָארְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; אַלֶע קֶעמְפְּ׳ס, כִּמְעַט אַלֶע הָאסְטוּ גֶעבּוֹיט אוּן אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ דִי זְכִיָּה צוּ בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל.

נֶעם זִיךְ נִישְׁט צוּם הַארְצְן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף דִיר, מֶען זָאגְט אוֹיף דִיר אַז דוּ מַאכְסְט גֶעלְט, דוּ בּוֹיסְט נִישְׁט גוּט וְכוּ׳, וְכוּ׳; אוֹיף מִיר רֶעדְט מֶען אוֹיךְ אוּן אוֹיף אַלֶע טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס טוּעֶן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ רֶעדְט מֶען.

וֶוער עֶס וִויל קוֹיפְן אַלֵיין אוּן בּוֹיעֶן אַלֵיין קֶען טוּן וָואס זַיין הַארְץ בַּאגֶערְט אוּן אִיךְ וואוּנְטְשׁ זֵיי הַצְלָחָה אִין אַלֶעס וָואס זֵיי וֶועלְן טוּן, אָבֶּער אִין דִי מוֹסְדוֹת אִין שְׁטֶעטְל וֶועל אִיךְ נָאר אַרַיינְנֶעמֶען דִי וָואס קוֹיפְן אוּן בּוֹיעֶן דוּרְךְ דִי הַנְהָלָה פוּן שְׁטֶעטְל.

דִיר בֶּעט אִיךְ: שְׁוַוייג אוּן שְׁלִינְג; עֶנְטְפֶער נִישְׁט, טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט אוּן פַארְעֶנְטְפֶער זִיךְ נִישְׁט; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס אָפְּקוּמֶען, דָאס וֶועט זַיין אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְעֶכְטְן.

וָואס יָא? רֶעד שַׁיין צוּ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶע זֶענֶען טֵייעֶר אוּן וואוּיל. מִיטְ'ן רֶעדְן שַׁיין וֶועסְטוּ יֶעדֶעם בַּארוּאִיגְן, אַזוֹי וִוי דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַּךְ", דֶער וָואס רֶעדְט וֵוייכֶע רֵייד, "יָשִׁיב חֵמָה", קֶערְט צוּרִיק אוּן נֶעמְט אַוֶועק דִי צָארְן.

...

**מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת חֶסֶד.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ זֶען אַז דוּ לֶערְנְסְט דֶעם דַף גְמָרָא; דוּ הַאלְטְסְט מִיט דֶעם סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען טֶעגְלִיךְ דֶעם דַף.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה גֶעהַאט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ דֶערְמַאנְט בִּשְׁעַתְ'ן לֶערְנֶען (שַׁבָּת נג:) דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ גֶעלֶעמְטֶע פְרוֹי, "וְלֹא הִכִּיר בָּהּ עַד יוֹם מוֹתָהּ", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז זִי אִיז גֶעלֶעמְט; הָאסְט זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי שִׁיעוּרִים וָואס מִיר רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאר גֶעזֶען דִי מַעֲלוֹת פוּן זַיין וַוייבּ.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין חֶסֶד; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת חֶסֶד, בִּזְכוּת דִי הֶערָאאִישֶׁע אִינְגֶעלַייט פוּן "חֶבְרָה הַצָּלָה" וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען אִידְן; גֶעדֶענְק וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): "כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל", דֶער וָואס רַאטֶעוֶועט אֵיין אִיד, "מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא", אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶערַאטֶעוֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ.

...

**לֶערְן מִיט דִי פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וֶועל דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה זַיין אַז דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דִי פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט'לֶעךְ אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי. אַז דוּ הָאסְט אַ בְּרֵירָה צוּ נֶעמֶען פַּאר אַ חַבְרוּתָא אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הַאלְט שׁוֹין אַפָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ נֶעמֶען דִי פְרִישֶׁע אַבְרֵכִים; עֶס אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג אַז זֵיי זָאלְן נָאךְ אַבִּיסְל לֶערְנֶען, דִי עֶלְטֶערֶע וֶועלְן זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן וְכוּ'. נֶעם אִינְגֶעלַייט'לֶעךְ אוּן לֶערְן מִיט זֵיי, פַּארְטָאגְס אוּן בַּיינַאכְט בְּהַתְמָדָה רַבָּה.

אִיךְ הָאבּ אַזַא חַיּוּת צוּ זֶען ווִי דֶער כּוֹלֵל בְּלִיהט, עֶס וֶוערְן נִתְרַבֶּה סַפְסְלֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן מֶען לֶערְנְט בְּהַתְמָדָה הַלָּכָה; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז מוֹהַרְאַ"שׁ קוּקְט אַרָאפּ פוּן אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן שֶׁעפְּט נַחַת פוּן אוּנְזֶער כּוֹלֵל הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִיט דִי אִינְגֶעלַייט ווִי אַזוֹי מֶען פַּסְקְ'נְט מַרְאוֹת. מִיר גֵייעֶן מִיט דִי וֶועג וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט זָאגְט 'אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַרוּנְטֶער גֵיין מֶען אַרִיבֶּער', אָבֶּער מִיר זָאגְן מֶען זָאל גֵיין 'לְכַתְּחִילָּה אַרִיבֶּער'"; אַזוֹי אוֹיךְ הוֹיבּ אָן 'לְכַתְּחִילָּה אַרִיבֶּער', אֲפִילוּ אַנְדֶערֶע זָאגְן מֶען זָאל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן מִיט דֶעם וְכוּ'.

...

**נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי שְׁכֵנִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר צְווֵיי זַאכְן.

אֵיינְס, פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט רוּפְן דִי גוֹי'שֶׁע שְׁכֵנִים פְּרֶעגְן אוֹיבּ זֵיי ווִילְן פַּארְקוֹיפְן; מֶען דַארְף יֶעצְט אַבִּיסְל וַוארְטְן זֵיי זָאלְן אַרָאפְּקוּמֶען מִיט דִי פְּרַייזְן. ווִי מֶער מֶען לוֹיפְט זֵיי נָאךְ זֶעעֶן זֵיי אַז מִיר ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפְּקוֹיפְן אַלֶע הַייזֶער, דֶערְפַאר הֵייבְן זֵיי דִי פְּרַייזְן הֶעכֶער פוּן ווִיפִיל עֶס אִיז וֶוערְד. אוֹיבּ אֵיינֶער רוּפְט דִיר קֶענְסְטוּ הַאנְדְלֶען מִיט יֶענֶעם, אָבֶּער דוּ זָאלְסְט נִישְׁט רוּפְן זִיךְ בֶּעטְן. אַלֶע שְׁכֵנִים הָאבְּן דַיין נָאמְבֶּער, אַלֶע קֶענֶען דִיר; וַוארְט

אַבִּיסְל וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען זִיךְ בֶּעטְן מֶען זָאל אָפְּקוֹיפְן זֵייעֶרֶע הַייזֶער.

צְוֵוייטְנְס, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אַרוֹיס שִׁיקְן בְּרִיווּ פַאר אַלֶע שְׁכֵנִים אִין נָאמֶען פוּן אוּנְזֶער קְהִלָּה אַז מִיר זוּכְן זֵיי נִישְׁט אַוֶועק צוּ טְרַייבְּן, מִיר הָאבְּן הֲנָאָה צוּ וואוֹינֶען מִיט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע שְׁכֵנִים אוּן פַאר סַיי וָואס פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם קֶען מֶען זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דִי הַנְהָלָה. מִיר ווִילְן זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט זֵיי, מִיר זוּכְן נִישְׁט זֵיי צוּ פַארְטְרַייבְּן. דָאס וֶועט מַאכְן אַז זֵיי זָאלְן אַרָאפְּקוּמֶען מִיט דִי פְּרַייזְן; כָּל זְמַן זֵיי וֵוייסְן דֶעם אֱמֶת וָואס מִיר ווִילְן, גֵייעֶן זֵיי אַרוֹיף מִיט דִי פְּרַייזְן. אוֹיךְ וֶועט דָאס מַאכְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, זֵיי וֶועלְן סַיי ווִי אַוֶועק מוּפְן, אֲפִילוּ מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, וַוייל אַ גוֹי הָאט נִישְׁט לִיבּ קֵיין אִידְן וְכוּ׳.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ מָרַת ... זִי זָאל שְׁרַייבְּן אַ שֵׁיינֶע בְּרִיווּ, זִי שְׁרַייבְּט זֵייעֶר גוּט; דָאס וֶועט מַאכְן גְרוֹיס פָּארְשְׁרִיט.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס רוּפְן דִיר, זֵיי ווִילְן קוֹיפְן הַייזֶער, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן סַבְלָנוּת פַאר זֵייעֶר טוֹבָה; אוֹיבּ מֶען וֶועט וַוארְטְן וֶועט מֶען קֶענֶען קוֹיפְן הַייזֶער פַאר זֵייעֶר בִּילִיג.

לָאז נִישְׁט אוֹיס קַיין אֵיין טָאג פוּן הַפָּצָה.

...

## שְׁטַארְק זִיךְ, דֶערְהַאלְט זִיךְ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס קוּמְט נִישְׁט אוֹיס מִיר זָאלְן רֶעדְן אַסַאךְ, אָבֶּער אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ בַּיי מִיר אִין הָארֶץ.

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט בֶּעטְן פַאר דִיר; פַאר דַיין הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר אוּן אִיךְ טוּ פַאר דִיר אֲפִילוּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ, דֶערְהַאלְט זִיךְ; אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער, גְלֵייבּ מִיר, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז בִּיטֶער

שְׁוֶוער; יֶעדְן אֵיינֶעם פְּרוּבִּירְט מֶען אוּיס אוּיף אַן אַנְדֶערְן וֶועג.

אִיךְ גְלֵייבּ אַז יֶעדֶע רֶגַע קֶען קוּמֶען דַיין יְשׁוּעָה; אִיךְ וַוארְט אוּן הָאף צוּ זֶען וֶוען דִי זוּן וֶועט אוּיפְשַׁיינֶען אוּיף דִיר.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לִיבְּט דִיר.

...

## לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז שׁוֹין לַאנְגֶע חֳדָשִׁים וָואס דוּ וַוארְטְסְט אוּיף אַן עֶנְטְפֶער אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען דִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן; זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן אוּן אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן דֶערְצוּ; אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן צֶען פְּרָאצֶענְט פוּן דִי בְּרִיוְון וָואס קוּמֶען אָן טֶעגְלִיךְ, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערְקְט דַיין בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר צוּרִיק.

קוֹדֶם כֹּל אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר דִי צְדָקָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר מִיר מַמָּשׁ ווִי מָן פוּן הִימְל; יֶענֶעם טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט הָאבְּן זֵייעֶר וִויכְטִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּיינַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי פָּאסְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דִי מָן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ דִיר - דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה; אֲפִילוּ יֶעצְט וֶוען דִי רֶעגִירוּנְג הָאט פַארְשְׁלָאסְן אַלֶע חֲדָרִים אוּן יְשִׁיבוֹת זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אוּיף אַ וֶועג וָואס מֶען קֶען; אָדֶער אוּיפְ׳ן טֶעלֶעפָאן אָדֶער זָאלְסְטוּ רוּפְן אַפָּאר קִינְדֶער אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין אַסַאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקְן אַז דִי חֲדָרִים זֶענֶען פַארְמַאכְט! דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ קִיּוּם נָאר אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער, זֵיי הִיטְן דִי גַאנְצֶע לַאנְד פוּן אַלֶע צָרוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ אֵיכָה, פְּתִיחְתָּא ב): "מָאן אִינוּן נְטוּרֵי קַרְתָּא" ווער זֶענֶען דִי וָואס הִיטְן אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן שְׁלֶעכְטְס? "אֵלּוּ סוֹפְרִים וּמְשַׁנִּים, שֶׁהֵם הוֹגִים וּמְשַׁנִּים וּמְשַׁמְּרִין אֶת הַתּוֹרָה בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה", דִי מְלַמְּדִים

וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי הִיטְן אָפּ דִי שְׁטָאט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן "גְיוַואלְד!" אוֹיף דִי גְזֵירָה פוּן פַארְמַאכְן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן יְשִׁיבוֹת; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ב): "בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם", יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ מַלְאָךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חָרוּב צוּ מַאכְן דִי וֶועלְט, "כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיָּד נֶהְפַּךְ כַּעֲסוֹ לְרַחֲמִים", אָבֶער וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דְרֵיידְט זִיךְ אִיבֶּער זַיין כַּעַס צוּ רַחְמָנוּת; נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ): וֶוען דִי גוֹיִם זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ בִּלְעָם בֶּן בְּעוֹר אִים פְרֶעגְן "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בַּייקוּמֶען דִי אִידְן?" הָאט בִּלְעָם זֵיי גֶעזָאגְט: "גֵייט אַרוּם אִין דִי שׁוּלְן, אוֹיב וֶועט אִיר זֶען 'תִּינוֹקוֹת מְצַפְצְפִין בְּקוֹלָן' - קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, 'אֵין אַתֶּם יְכוֹלִים לְהִזְדַּוֵּוג לָהֶם' - וֶועט מֶען זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען. וַוייל זֵייעֶר פָּאטֶער יִצְחָק הָאט זֵיי מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז ווִילַאנְג עֶס וֶועט זַיין 'הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב' - מֶען וֶועט הֶערְן דִי קוֹל וִוי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה, קֶען נִישְׁט עֵשָׂו'ס הֶענְט שׁוֹלֵט זַיין אוֹיף זֵיי".

אִיךְ בֶּעט דִיר טֵייעֶרֶער ..., זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס זָאל דִיר נִישְׁט בַּאדֶערְן אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ וִוי אַמָאל, וַוייל לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִיז מֶער פוּן אַלֶעס; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר גָאר גוּט, וַוייל אִיךְ פְּלֶעג אוֹיךְ הָאבְן דֶעם שׁוּלְד גֶעפִיל וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען פַאר מִיר מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; פַאר דֶעם פְּלֶעג אִיךְ אָנְזָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ, בִּיז מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן מִיר גֶעגֶעבְּן דִי שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶער חָשׁוּב לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד - לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין חָשׁוּב'עֶרֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט קִינְדֶער.

שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ; נָאר אֱמוּנָה אִיז אִיר רְפוּאָה, אֱמוּנָה הֵיילְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער וֶוערְט מֶער רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

...

## קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן לֶעבְּן אָדֶער צוּנֶעמֶען לֶעבְּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

זַייטְס מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף אַייעֶר בְּרִיוו פַאר לַאנְגֶע חֳדָשִׁים; זַייטְס מִיר דָן לְכַף זְכוּת, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְנוּמֶען אַז אִיךְ קוּם נִיטְאַמָאל אָן צוּ עֶסְן און צוּ שְׁלָאפְן וְכוּ׳, וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְטְס אַייךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, חַזֶר׳ט זִיךְ דִי אֱמוּנָה; וֶוען אַייעֶר קָאפּ הֵייבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְט אִיר אָנְהֵייבְּן זִינְגֶען: ״אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, אִיךְ לִיג אִין זַיינֶע הֶענְט״.

קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן קָארָאנֶע, עֶס אִיז לִיגְנְט וָואס דִי נַייעֶס זָאגְט; זֵיי דְרִילְן דֶעם קָאפּ, יֶעדְן טָאג זָאגְן זֵיי פְּרִישֶׁע נוּמֶערְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן קָארָאנֶע, עֶס אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב; קֵיינֶער אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן קָארָאנֶע, קָארָאנֶע קֶען נִישְׁט הַרְגְ׳נֶען קַיין מֶענְטְשְׁן, קָארָאנֶע אִיז אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע בָּאג, עֶס קֶען גָארְנִישְׁט טוּן; דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז וַוייל יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַאר עֶר וֶוערְט גֶעבּוֹירְן בַּאקוּמְט עֶר פוּן הִימְל אַ גֶעוִוירֶע מָאס יָארְן וִויפִיל עֶר גֵייט לֶעבְּן און וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק דִי נְשָׁמָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶס אִיז יָא דָא קָארָאנֶע אָדֶער נִישְׁט, יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג. מִיר אִידְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן וִוילַאנְג עֶר וִויל און קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן לֶעבְּן אָדֶער צוּנֶעמֶען לֶעבְּן.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן דִי נַייעֶס - אֲפִילוּ דִי אִידִישֶׁע; כָּל זְמַן דִי נַייעֶס רֶעדְט נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאר מֶען דָאס נִישְׁט הֶערְן. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין שֵׁיינֶע הַאט-לֵיינְס, שֵׁיינֶע נַייעֶס. מָשִׁיחַ וֶועט רֶעדְן אוֹיף דִי נַייעֶס, עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג מִיט דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע נַייעֶס, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶע פֶעלְקֶער וֶועלְן אִים הֶערְן - אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, נָאר אִים דַארְף מֶען דִינֶען און פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁט

אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ רֶעדְן.

טַאנְצְט מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער; אֲפִילוּ יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה וֶוען מִיר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵלוֹת פוּן דִי תַּלְמִידֵי רֶבִּי עֲקִיבָא אוּן אוֹיף אַלֶע צָרוֹת, טָאר מֶען נִישְׁט זַיין בְּעַצְבוּת אוּן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן וֶוען מֶען שְׁפִּירְט וִוי דִי עַצְבוּת אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר מֶעג מֶען טַאנְצְן אוּן הֶערְן לֶעבֶּעדִיגֶע נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה.

...

## אוֹיבּ ווִיל מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ הָאסְט נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם שִׁיעוּר; מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּארְקֶערְט, מִיר הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶועזְן אַז מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט פַארְוָואס אִיז דֶער לֵייבּ דֶער קֶענִיג אוֹיף דִי חַיוֹת אוּן נִישְׁט דֶער פוּקְס? דֶער פוּקְס אִיז דָאךְ זֵייעֶר קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן, עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּנֶעם לֵייבּ! נָאר ווִיבַּאלְד דֶער פוּקְס הָאט אַ נַאטוּר פוּן שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּקְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה כב, א): "שׁוּעָל זֶה מְהַלֵּךְ וּמַבִּיט לַאֲחוֹרָיו", עֶר קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף צוּרִיק - אַזַא אֵיינֶער קֶען נִישְׁט זַיין קַיין קֶענִיג, ווִידֶער דֶער לֵייבּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן מִיט אַ נַאטוּר אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אוֹיף צוּרִיק, נָאר שְׁטֶענְדִיג שְׁטֵייט עֶר מִיטְ׳ן פָּנִים אוֹיף פָארְאוֹיס, אַזַא אֵיינֶער קֶען זַיין אַ קֶענִיג.

מוֹהֲרַא״שׁ זָאגְט דָאס פַאר אוּנְז, אַז אוֹיבּ מִיר ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן זָאלְן מִיר קוּקְן וָואס גֵייט זַיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק. ווַייל וֶוען מֶען קוּקְט אוּן מֶען טְרַאכְט וָואס אִיז גֶעוֶועזְן קֶען מֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין - נִישְׁט בְּרוּחָנִיוּת אוּן נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת; אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל מַצְלִיחַ זַיין, עֶר ווִיל זַיין ווִי אַ קֶענִיג - טָאר זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְדְרֵייעֶן אוֹיף צוּרִיק, זִיךְ אוֹיפְעֶסְן מִיטְ׳ן עָבַר. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה, כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה׳", אָבֶּער אִיךְ זָאג אַז שִׁכְחָה

אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מַעֲלָה, וַוייל וָוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיט זַיין לֶעבְּן, וַוייל עֶס וָואלְט אִים גֶעשְׁטֶערְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַאֲמַר הַחָכָם: "הֶעָבָר אַיִן, וְהֶעָתִיד עֲדַיִן, וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן, דַאֲגָה מִנַּיִן", וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען - אִיז דָאךְ נִישְׁט וֶוערְד זִיךְ צוּ זָארְגְן אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף פָאְרַאוֹיס, זוּכְן צוּ בּוֹיעֶן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט דַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ אוּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

אוֹיף דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וֶועל אִיךְ דִיר מַסְבִּיר זַיין פָּנִים אֶל פָּנִים.

...

יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף לַאכְן אָן אוֹיפְהֶער.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

לֶעבְּסְט נָאךְ? לַאכְסְט נָאךְ? אִיךְ הָאף אַז דוּ לַאכְסְט נָאךְ מֶער וִוי אַמָאל; אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר אוּן נָאךְ מֶער צוּ דַיין לַאכְן. גְלֵייבּ מִיר, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף לַאכְן אוּן לַאכְן אָן אַן אוֹיפְהֶער, נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין פְּחָדִים אוּן אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כד): "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", שִׂמְחָה אִיז אַ הֵיילוּנְג פַאר "אַלֶע" קְרֶענְק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וואוּ דוּ גֵייסְט זָאלְסְטוּ נָאר לַאכְן, מַאךְ יֶעדְן אֵיינֶעם פְרֵיילִיךְ וֶועסְטוּ אַלֶעמֶען מְחַיֶּ׳ זַיין; וַוייל דִי קָארָאנֶע וִויירוּס אַלֵיינְס הָאבְּן שׁוֹין כִּמְעַט אַלֶע גֶעהַאט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט דֶערְפוּן, אָבֶּער לֵיידֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פַּחַד אוּן אִין עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה פוּן קָארָאנֶע אוּן זִיךְ נָאכְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט דֶערְפוּן.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֶבִּי׳ן וָואס גֶעבְּט אוּנְז שִׂמְחַת הַחַיִּים.

...

**חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דָאס קִינְד.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ׳.**

שְׁטַארְקְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם, דוּ שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ אוּן אִיר זָאלְט שְׁטַארְקְן אַייעֶר מַאן; חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁלֶעכְטֶע אַכְזָרִיוּת׳דִיגֶע דָאקְטוֹרִים וָואס זֶענֶען אַזוֹי נִידְרִיג גֶעפַאלְן אַז זֵיי רֶעדְן אָן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ הַרְגְ׳עֶנֶען דָאס קִינְד.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, דַף ג): ״תְּלָתָא בִּישִׁין עָבִיד דְּכָל עָלְמָא לָא יָכִיל לְמִסְבַּל, וְעַל דָּא עָלְמָא מִתְמוֹגְגָא זְעֵיר זְעֵיר, וְלָא יְדִיעַ, וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִסְתָּלַק מֵעָלְמָא, וְחַרְבָּא וְכַפְנָא וּמוֹתָנָא אַתְיָין עַל עָלְמָא״, אַלֶע צָרוֹת וָואס קוּמְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה פוּן הַרְגְ׳עֶנֶען דִי קִינְדֶער אֵיידֶערְן גֶעבּוֹירְן; וֶוער וֵוייסְט צִי דִי צָרָה פוּן קָארָאנֶע קוּמְט נִישְׁט פוּן דֶעם וָואס דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי גֶעפַאלְן אַז דִי דָאקְטוֹרִים הַרְגְ׳עֶנֶען אוּן רַצְח׳עֶנֶען קִינְדֶער.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דִי מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם וָואס אִיר דַארְפְט לִיגְן לַאנְגֶע חֳדָשִׁים.

אִיךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ קֶען אַ מִשְׁפָּחָה וָואס אַלֶע קִינְדֶער, אִיבֶּער צֶען קִינְדֶער, זֶענֶען חָרוּב וְנֶחְרַב; אִיךְ גֶעדֶענְק דִי מִשְׁפָּחָה פוּן אַלְס קִינְד, דִי מִשְׁפָּחָה הָאט גֶעשַׁיינְט אוּן גֶעבְּלִיהְט, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער וִוי זֵיי, יֶעצְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין שָׂרִיד וּפָלִיט פוּן זֵיי. אַ טֵייל הָאבְּן מִיט דִי נֶערְוֶוען אוּן אַ טֵייל הָאבּ אָפְּגֶעלָאזְט דִי תּוֹרָה׳דִיגֶע וֶועג וְכוּ׳. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלְץ גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס אִיז פָּשׁוּט פְּשַׁט, בִּיז אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז דִי מַאמֶע אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה צִי זִי מֶעג הַרְגְ׳עֶנֶען אִיר קִינְד, נָאכְדֶעם וָואס דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דָאס קִינְד גֵייט נִישְׁט זַיין גֶעזוּנְט; מֶען הָאט אִיר גֶע׳פַּסְקְ׳נְט וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן זַיין ה׳ יִשְׁמְרֵינוּ.

גְלֵייבְּט מִיר, אַסַאךְ פְרוֹיעֶן וָואלְטְן גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין צוּ לִיגְן אֲפִילוּ פַּאר גַאנְצֶע נַיין חֳדָשִׁים צוּ הָאבְּן אַ קִינְד.

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן עֶס זָאל אָנְקוּמֶען גְרִינְג.

...

**מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס אִיז אַרִיבֶּער נָאךְ אַ וָואךְ אוּן דִי עֶסְן פַּאר דִי מִשְׁפָּחוֹת הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט נִיסֵי נִיסִים; עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג וְכוּ׳ וְכוּ׳, בִּפְרַט אַז הַיינְט הָאט דֶער גָאוֶוערְנָאר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט נִישְׁט עֶפֶענֶען דִי מוֹסְדוֹת בִּיז עֶנְדֶע יָאר, אַנְדֶערְשׁ ווִי מֶען הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאךְ צְוֵויי וָואכְן עֶפְנְט מֶען צוּרִיק דִי מוֹסְדוֹת; מִיר וֶועלְן טֵיילְן עֶסְן אַ גַאנְץ יָאר אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דוּרְכְאוֹיס גַאנְץ שַׁבָּת; טַאנְץ אוּן שְׁפְּרִינְג פוּן שִׂמְחָה מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אַ גַאנְץ שַׁבָּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה׳", שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט וַוייזְן קַיין שׁוּם עַצְבוּת, מֶען דַארְף אַרוּם גֵיין אַ גַאנְצְן צַייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז עֶס זָאל זַיין מַחְלוֹקֶת אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען צֶעאַמְפֶּערְט זִיךְ צוּלִיבּ שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אַזוֹי אַרוּם גֵייט מֶען אַרַיין אִין שַׁבַּת קוֹדֶשׁ צֶעקְרִיגְטֶערְהֵייט.

...

**עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין וֶועג גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּיר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ ווִיסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח): "כִּי כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט קֵיין פֶּערְצוּפָאל נָאר אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אָן אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען אַלְץ נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי נֵייעֶס, מֶען זָאל מֵיינֶען אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ בְּאוֹפֶן טִבְעִי אָן קֵיין בַּעַל הַבַּיִת, מֶען מֵיינְט אַז עֶס פַּאסִירְט זַאכְן פוּן זִיךְ אַלֵיין; לְמָשָׁל יֶעצְט וֶוען מִיר דַארְפְן רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה; אַז מֶען הֶערְט דִי נֵייעֶס וֶוערְט מֶען דֶערְשְׁרָאקְן, מֶען מֵיינְט אַז דִי וֶועלְט פִירְט זִיךְ אָן אַ בַּעַל הַבַּיִת, חַס וְשָׁלוֹם.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז קֵיינֶער אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן קוֹרוֹנָה, קוֹרוֹנָה קֶען נִישְׁט הַרְגֶ'ענֶען קֵיין מֶענְטְשְׁן, קוֹרוֹנָה אִיז אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע בָּאג, זִי קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז ווַייל יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְּט צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַאר עֶר וֶוערְט גֶעבּוֹירְן בַּאקוּמְט עֶר פוּן הִימְל אַ גֶעווִיסֶע מָאס יָארְן ווִיפִיל עֶר גֵייט לֶעבְן, וֶוען עֶס קוּמְט דִי צַייט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק דִי נְשָׁמָה - נִישְׁט קֵיין חִילוּק צִי עֶס אִיז דָא קוֹרוֹנָה אָדֶער עֶס אִיז נִישְׁט דָא קוֹרוֹנָה; יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג. מִיר אִידְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט לֶעבְּן ווִי לַאנְג עֶר ווִיל גֶעבְּן אוּן קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן לֶעבְּן אָדֶער צוּנֶעמֶען לֶעבְּן.

אַז מֶען ווִיל אַ יְשׁוּעָה אִיז דָא אֵיין זַאךְ: "תְּפִלָּה!" דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּב כָּךְ, וּתְפִלָּה מְשַׁנָּה הַטֶּבַע", תְּפִלָּה אִיז מְשַׁנֶּה דִי טֶבַע; אַלֶע דָאקְטוֹרִים זָאגְן אֵיין זַאךְ אוּן נָאכְדֶעם זֶעעֶן זֵיי אַז זֵיי ווֵייסְן גָארְנִישְׁט, בִּפְרַט יֶעצְט בַּיי דִי קוֹרוֹנָה זָאגְן זֵיי אַלֶע אַז זֵיי ווֵייסְן גָארְנִישְׁט, זֵיי מוּזְן מוֹדֶה זַיין אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, זֵיי זָאגְן אֵיין זַאךְ אוּן פְּלוּצְלִינְג זֶעט מֶען ווִי מֶענְטְשְׁן הֵיילְן זִיךְ דוּרְךְ תְּפִלָּה, דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זֵיי פַארְשֶׁעמְט; אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן א'): "כִּי כְּשֶׁנִּגְאֶלֶת הַתְּפִלָּה, אָז נוֹפְלִים כָּל הָרְפוּאוֹת, כִּי נִתְרַפְּאִין עַל יְדֵי דְּבַר ה'", וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאלְן אַוֶועק אַלֶע רְפוּאוֹת, ווַייל מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, "וַאֲזַי כָּל הַדָּאקְטוֹרִים מִתְבַּיְּשִׁין בָּרְפוּאוֹת

שֶׁלָּהֶם", דֶעמָאלְט שֶׁעמֶען זִיךְ אַלֶע דָאקְטוֹרִים מִיט זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת. "כִּי אֲזַי אֵין כֹּחַ לְשׁוּם רְפוּאָה, כִּי כָל הָעֲשָׂבִים חוֹזְרִים כֹּחָם לְתוֹךְ הַתְּפִלָּה", וַוייל אַלֶע כּוֹחוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי מֶעדֶעצִין גֵייט אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּפִלָּה אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט דֶערְמִיט.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אִין הַפָּצָה. הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף בַּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ז): "כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין, חַס וְשָׁלוֹם, בַּעֲווֹנוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן, כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת", דֶער עִיקָר רַחְמָנוּת אִיז וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת פוּן אַלֶע רַחְמָנוּת. אוּן דֶער רֶבִּי אִיז מַסְבִּיר: "וּבֶאֱמֶת, מֵהֵיכָן בָּאִים לַעֲווֹנוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן עֲבֵירוֹת? וַוייל בֶּאֱמֶת, פוּן וואוּ קוּמְט בִּכְלַל צוּ אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִינְדִיגְן חַס וְשָׁלוֹם? "הוּא רַק עַל יְדֵי שֶׁאֵין לוֹ דַּעַת", דָאס אִיז נָאר וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ שְׁטוּת, עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין סַיי וִוי פַארְפַאלְן וְכוּ׳, "וְזֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִן הַכֹּל, שֶׁצְּרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו לְהַכְנִיס בּוֹ דַּעַת", מִמֵילָא אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת, מֶען זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אִים דַּעַת, עֶר זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נָאךְ אַלְץ לִיבּ אוּן עֶר קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים מא, ב): "אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל דָּל", וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין שֵׂכֶל אִין אַן אָרֶעמַאן, "כִּי 'אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת (נְדָרִים מא.)' וּצְרִיכִין לְרַחֵם עָלָיו, לְהַכְנִיס בּוֹ דַּעַת", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוֹיף דִי דַארְף מֶען רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי שֵׂכֶל.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ פוּן יְרוּשָׁלַיִם; גֵייט הַפָּצָה - יֶעדֶער אוֹיף זַיין אוֹפֶן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר. עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, יֶעדֶער דַארְף טוּן וָואס עֶר קֶען נָאר צוּ רַאטֶעוֶוען נָאךְ אֵיין אִיד.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער.

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נָאךְ אַייךְ.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## מַגִּיהַ זַיין דֶעם קוּנְטְרֶס "לוֹיטֶעְרֶע אוֹיגְן".

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ שִׁיק דִיר מִיט דַיין מַאן דֶעם קוּנְטְרֶס "לוֹיטֶעְרֶע אוֹיגְן" - אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף עֶנְגְלִישׁ דוּרךְ מָרַת ... תִּחְיֶ'; בִּיטֶע דָאס מַגִּיהַ זַיין אַפָּאר מָאל אַז מֶען זָאל דָאס קֶענֶען אַרוֹיסְגֶעבְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

...

## קוּק זִיךְ אוּם אוֹיף דַיין נְשָׁמָה.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט מִיר שְׁטֶענְדִיג אוּן יֶעצְט אַז מַיין זוּן שְׁלֹמֹה נֵרוֹ יָאִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ בֵּן זָכָר לְמַזָּל טוֹב, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ זֵיידֶע; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן בַּיי דִיר אוֹיף שִׂמְחוֹת גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אָמֵן.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט מֶען טֵיילְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת אִין יְשִׁיבָה; דִי עֶסְן אִיז פַּאר פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן הָאבְּן כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּבּ. זֶע אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען בַּאקוּמֶען עֶסְן; דוּ הָאסְט עֶסְן אִיבֶּערְן קָאפּ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז זִי זָאל נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְט, זִי זָאל אוֹיךְ הָאבְּן עֶפֶּעס עֶסְן.

אַז מֶען רֶעדְט פוּן עֶסְן זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ גֶעבְן עֶפֶּעס עֶסְן פַאר דַיין אוֹיסְגֶעהוּנְגֶערְטֶע נְשָׁמָה; דַיין נְשָׁמָה דַארְף מִשְׁנַיוֹת, דַיין נְשָׁמָה דַארְף תְּהִילִים, דָאס אִיז עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ

תְּהִילִים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים״.

אוֹיךְ זֶע צוּ וַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה יֶעדְן טָאג; אַזוֹי וִוי דוּ וַואשְׁט דַיין גוּף יֶעדְן טָאג דַארְף אוֹיךְ דַיין נְשָׁמָה אַ גוּטֶע בָּאד. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל׳ט זִיךְ דַיין גוּף אִין מִקְוָה דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען דִי נְשָׁמָה אוּן מֶען טוֹבֵלְ׳ט עֶס אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. דָאס אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער תִּיקוּן; וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא)״.

אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט: ״מִקְוָה אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן וִוי תִּקְוָה, אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן״.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוָה יֶעדְן טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״מִקְוָה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוָה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה נִישְׁט צוּבְּרֶענְגֶען״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...